# דער צווייטער בריוו פונם שליח פּוילוס
## צו די קאָרינטער

1

1 פּוילוס, אַ שליח פונם משיח ישוע דורך ג־טס
רצון, און טימאָטעוס, דער ברודער, צו דער
קהלה פון ג־ט, וועלכע געפינט זיך אין קאָרינט,
צוזאַמען מיט אַלע הייליקע, וואָס זענען אין גאַנץ
2 אַכאַיאַ: חסד צו אייך און שלום פון ג־ט, אונזער
פאָטער, און פון דעם האַר ישוע המשיח.
3 געלויבט איז דער ג־ט און פאָטער פון אונזער האַר
ישוע המשיח, דער אָב הרחמים און ג־ט פון יעדער
4 נחמה; וועלכער טרייסט אונז אין אַלע אונזערע
צרות, כדי מיר זאָלן קענען טרייסטן די, וואָס
געפינען זיך אין וועלכער נישט איז צרה, מיט דער
טרייסט, מיט וועלכער מיר אַליין ווערן געטרייסט
5 פון ג־ט. ווייל פּונקט ווי דעם משיחסליידן
פאַרמערן זיך אויף אונז, אַזוי פאַרמערט זיך אויך
6 דורך דעם משיח אונזער נחמה. און ליידן מיר
צרות, איז עס פאַר אייער טרייסט און ישועה; ווערן
מיר געטרייסט, איז עס פאַר אייער טרייסט, וואָס
באַווייזט זיך ווירקזאַם אין דערטראָגן סבלנותדיק
די זעלביקע יסורים, וועלכע מיר אַליין ליידן אויך;
7 און אונזער האָפענונג וועגן אייך שטייט פעסט, ווייל
מיר ווייסן, אַז ווי איר זענט אַנטיילנעמער אין
די ליידן, אַזוי וועט איר אויך זיין (אַנטיילנעמער)
8 אין דער נחמה. וואָרום מיר ווילן נישט, אַז איר
זאָלט נישט וויסן, ברידער, וועגן דער צרה, וואָס
איז אונז געשען אין (קליין) אַזיען, אַז זער פיל
איבער די כוחות זענען מיר געדריקט געוואָרן, אַזוי,